# קאנפיסקירען דאס פערמעגען פון די יודען אין פרייסען

## בעשלוס פון פרייסישען סיים

בערלין, 25 (ספ. טעל.) דער פרייסישער סיים האט אבגעהאלטען א זיצונג א גאנצע נאכט. די זיצונג האט געדויערט 18 מיט א האלבע שעה.

ארום האלבער נאכט זענען אוועק פון דער זיצונג די דעפוטאטען פון צענטער און שפעטער זענען אוועק די סאציאל-דעמאקראטען.

3 א זייגער זענען געבליבען בלויז די קאמוניסטען און היטלעריסטען. דער פארשלאג אפצושאפען דעם פערבאט פון פאליטישע דעמאנסטראציעס, איז אנגענומען געווארען.

נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען די דעבאטען איבער א רייה פארשלאגען. די היטלעריסטען האבען פארגעלעגט צו קאנפיסקירען אלע הכנסות וואס זענען העכער ווי 12,000 מארק א יאהר. אויך צו קאנפיסקירען דאס פערמעגענס פון יודען, וועלכע זענען אריינגעקומען קיין דייטשלאנד נאכן 1 אויגוסט 1914. די דאזיקע קאנפיסקאציעס זאלען אויסגעפיהרט ווערען אין משך פון 3 וואכען. מיטן קאנפיסקירטען געלד זאל מען בעשעפטיגען ארבייטסלאזע.

מען זאל אויך קאנפיסקירען דאס פארמעגעס פון די פערזאנען, וועלכע זענען רייך געווארען אין צוזאמענהאנג מיט די אפערעס פון בארמאנט און סקלארעק.

די פרייסישע מיניסטארען זאלען פערקלענערן זייערע פענסיעס ביז 12,000 מארק א יאהר.

אלע פארשלאגען זענען אנגענומען געווארען.

רער לאנדטאג איז געשלאסען געווארען ביז 6 יולי.

## רעוויזיעס ביי „וויזוואלעניע"

ווארשא 25 (טעל.)

עס זענען געמאכט געווארען רעוויזיעס אין די לאקאלען פון „וויזוואלעניע"

מען האט קאנפיסקירט פערשידענע דאקומענטן.

## אטאקירט די דייטשע מאטראסען אין דאנציג

דאנציג 25 (ספ. טעל.)

אין איניגע ערטער פון נייעם פארט האבען ארבייטסלאזע אטאקירט די דייטשע מאטראסען, וועלכע האבען שפאצירט איבערן שטאט, אין פאבריקען זענען פארגעקומען מיטינגען אויף וועלכע מען האט פראטעסטירט געגען סענאט, פארן ארייגפיהרען דעם דייטשען קריגס-פלאט, וועלכער האט געמאכט א מיליטערישע דעמאנסטראציע.

אין שטאט זענען פארגעקומען דעמאנסטראציעס פון קאמוניסטען, די דייטשע מאטראסען האט מען אין שטאט געשלאגען.

פאל יציי האט צוטריבען די דעמאנסטראנטען צענדליגע פערזאן זענען פערוואונדעט און מעהרערע האט מען ארעסטירט.

## צום בעזוך פון דייטשען קריגס-פלאט אין דאנציג



די קריגס-שיף „שלעזיען" אין דאנציגער פארט

## יודישע ארטיסטען ווערען אפגעזאגט אין דייטשלאנד

בערלין, (ספ.) דער בערלינער טעאטער-ארטיסטען-פערבאנד האט זיך אויף זיין לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג בעשעפטיגט מיט דער פראגע פון דער מאסענווייזער באזייטיגונג פון יודישע אקטיארען פון די דייטשע טעאטערן. די פערוואלטונג האט אנגענומען א רעזאלוציע אין וועלכער די דאזיגע פראקטיק ווערט געטאדעלט, אויף דער זיצונג איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז אין דער מעהרהייט פראווינציעלע טעאטערן ווערן יודישע בינע-ארטיסטען מאסענווייז געקינדיגט. די דירעקציע פון בערימטען קאבורגער טעאטער האט געקינדיגט די אבמאכען מיט אלע יודישע אקטיארן, דעקאראטארען און טעאטער-אנגעשטעלטע.

רעשטעז
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
נערענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

די ניי-ערעפענטע
פערפומעריע
BUCHWAJC
i ROTENBERG
11 ליסטאפאד 13 (קאנסטאנטינער)
בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע
קאסמעטיק
צו צוגענגליכע פרייזען. רעעלע בעהאנדלונג!

די שווער-געטראפענע
ה' נח וויינבערג און פאמיליע
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכע פרוי און מוטער
נ"ע
זעלדע וויינבערג
דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל.
זייט געטרייסט!
דוד זילבערבערג און פרוי
בנימין זילבערבערג
3884

דער שווער-געטראפענער פאמיליע וויינבערג
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער
נ"ע זעלדע וויינבערג
דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל
זיגמונט זילבערבערג.

Przyjaciółce mej p. POLI BOSKESÓWNY
z powodu zgonu Jej ukochanej
B. P. Matki
wyrażam najszczersze współczucie
3960 Abram Liberman.

כשר! וויכטיג! כשר
נייעס צום זומער-סעזאן!
ווילט איהר זיין געזונד?
ווילט איהר עסען געשמאקע און פרישע מיטאגען, פריהשטיקען און אווענדברויטען?
קומט אלע ווי איינער נור אין דעם גוט-בעקאנטען, היגיענישען, כשר'ן
באר „בריסטאל"
4 פאלודניאווא 4
טעל. 74-151
וואו איהר בעקומט צו יעדער צייט די בעסטע
מיטאגען פון 50 אן מיט געפלי-געל
אווענדברויטען און פערשידענע
פון 90 גר. או.
פריהשטיקען צו בעקומען פון 7 פריה אן
קומט און איבערצייגט אייך!
געבעקס פריי! סאלידע בעדינונג!
כ'שיק אפ מיטאגען צו הויזע
אהן עקסטרא קאסטען.

פאר גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

אכטונג, לעטניקעס!
דער עלטסטער און איבעראל-בעוואוסטער
כשר'ער רעסטאראן פון
ה. י. קארא זאוואדזקא 4
עמפפעהלט צום איצטיגען זומער-סעזאן איהרע גוט-בעקאנטע, געזונדע און געשמאקע
מיטאגען מיט גע. פליגעל פון 50 גר. זל. אן
ערשטקלאסיגע בעדינונג!
פאר אבאנאמענטען — עקסטרא ראבאט!

בעזה"י
א בשורה טובה פאר לאדזער יודען!
צום נייעם שול-יאהר תרצ"ב (1932/33) אי"ה ווערט געעפענט די שוין לאנג-ערווארטעטע
לערן און ערציהונגס-אנשטאלט
„חורב"
אונטער דער אנפיהרונג פון מנהל פון מזרחי-חדר אין בענדין ר' יצחק פיליץ,
וואס וועט בעזה"י זיין לשם ולתפארת פאר'ן לאדזער יודענטום.
„חורב" ווערט איינגעארדענט אין א היגיענישן קאמפארט-איינגעריכטעטן לאקאל.
„חורב" איז די ערשטע ערציהונגס-אנשטאלט, וואס ווערט געגרינדעט און וועט אנגעפיהרט ווערען דורך די בעסטע פעדאגאגישע פאכמענער, וואס דאס רעליגיעזע יודענטום אין פוילען פערמאגט.
„חורב" וועט מיט זיין סדר הלמוד און אופן פון ערציהונג זיין בעזה"י בתכלית השלמות אזוי אז די תלמידים וואס וועלען דארט ערצויגען ווערען וועלען זיין בעזה"י מושלמים בתורה ויר"א און מדות טובות מיט דרך-ארץ'דיגער אויפפיהרונג אין עלטערן-הויז, און אין דער געזעלשאפט.
„חורב" האט פאר זיך דעם וויכטיגען ציל צו ענטוויקלען די גייסטיגע פעהיגקייטען פון יעדען תלמיד.
„חורב" וועט גרויס אכט לעגען אויף די למודי-חול, מכרי צוצוגרייטען דאס יודישע קינד צום לעבען, עס גאראנטירען דערפאר די ערשטקלאסיגע לערן-קרעפטען.
אין דער שפיץ פון דעם נייען ערשטקלאסיגען מוסד „חורב" שטעהען די בעקאנטע און פון אלעמען אנערקענטע און בעליבטע פערזענליכקייטען דוד צבי זילבערשטיין, חיים דוד רוזאנים א. א.
איינשרייבונגען קומען פאר טעגליך פון 10—2 און 5—9 אווענד אין דער צייטווייליגער קאנצעלעריע סיליגסקיעגא 44 וואוינונג 11, פראנט 1-טער שטאק.
3889

